ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# קב הישר

# וישלח

אידיש

**808**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק טו-טז

## • וישלח •

❖

**אין די פרקים ווערן ערקלערט:**

די מעלה פון שלום און די שענדלעכקייט פון מחלוקת. - די שטראָף פון אַ מענטש וואָס איז עובר אויף אַ חרם.

❖

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.
דער "**שר שלום**" פון בעלזא, ערשטער בעלזער רב זי"ע, האט עדות געזאגט אויף זיך, אז זיין יראת שמים האט ער געשעפט פון די הייליקע ווערטער פון דעם ספר "קב הישר" און אים געלערנט הונדערט און צוויי מאל לויט דעם נאמען און קאפיטלען פונעם ספר.

# אינהאלט
## פון פרקים טו-טז


א. אין פרק ט"ו ווערט ערקלערט די מעלה פון שלום און די שענדלעכקייט פון מחלוקת ..... ז

ב. אַלע קריגערייען קומען צוליב שנאת חנם, און שנאת חנם קומט צוליב געוואוינען דאָס מויל צו שעלטן ..... ז

ג. דער וואָס שעלט ווערט אַליין געשעדיגט ח"ו ..... ח

ד. דער וואָס שעלט, איז זיין נשמה פון דער סטרא אחרא ..... ח

ה. אַ מויל וואָס בענטשט שטענדיג, איז זיין נשמה פון קדושה וואָרצל, און וועט זוכה זיין צו עולם-הבא ..... ט

ו. דער מענטש וואָס זאָגט אָן בשורות טובות פאַר תלמידי-חכמים, קריגט באַלד זיין חלק אין גן-עדן ..... ט

ז. דער וואס שעלט קומט די קללה צוריק צו אים אליין און ס'האט נישט קיין רפואה ..... ט

ח. אַ מענטש וואָס דערווייטערט זיך פון קריגערייען, וועט נישט קומען צו קיין קללה ..... י

ט. דער וואָס איז יונגער בעט איבער דעם עלטערן פון אים ..... יא

י. דער וואָס איז פוגם אין כבוד פון זיין רביין, טוט אויס די שיך און זעצט זיך אויף דער ערד ..... יא

יא. די גרויסע עניוות וואָס הערשט ביי די הייליגע חבריא אין ארץ ישראל ........ יא
יב. אין פרק ט"ז ווערט ערקלערט די גרויסע שטראָף פון אַ מענטש וואָס איז עובר אויף אַ חרם און וואָס איז דער גורם דערצו ........ יד
יג. ווער ס'איז עובר אויף אַ חרם, איז גלייך ווי ער א"ז עובר אויף דער גאַנצער תורה און די רייד פון ז' נביאים ........ יד
יד. וואָס איז גורם אַז דער מענטש זאָל עובר זיין אויף אַ חרם ........ טו
טו. די התרים זענען פאַר אים ווי דערנער וואָס ער ווערט געשטרויכלט דורך זיי ........ טו
טז. עס איז פאראן אַ צייט ווען חרטה העלפט שוין נישט ........ טו
יז. די פיר ווינטן וואָס בלאָזן יעדן טאָג ........ טו
יח. "מלאכי" זענען די זעלבע אותיות ווי "מיכאלי" ........ טז
יט. אַלע ברכות וואָס גייען דעמאָלט אַרויס פון מענטשנס מויל, ווערן מקויים און ער וועט זיין פריילעך אַ גאַנצן טאָג ........ טז
כ. דער מערב ווינט בלאָזט על פי רוב פון האַלבן טאָג ביז נאַכט ........ טז
כא. דעריבער פאַרבייט השי"ת די מלאכים, כדי מענטשן זאָלן נישט זאָגן, אַז אַ מלאך האָט פאַר אים געטאָן די רפואה - נאָר השי"ת אַליין ........ יז

**כב.** דער מלאך וואָס איז באַשטימט אויף דעם, הייסט אוריאל........................................................יז

**כג.** אַלע מענטשן שלאָפן דעמאָלט און קיינער איז נישט מתפלל פאַר זיי........................................................יח

**כד.** דער ווינט איז שלעכט צו אַלעם, אָבער פאַר די קראַנקע איז ער גוט........................................................יח

**כה.** די צייט ווען דער אויבערשטער פרייט זיך מיט די צדיקים אין גן עדן........................................................יח

**כו.** דער מענטש וואָס האָט שכל, זאָל אויפשטיין פון בעט און עוסק זיין אין תורה פון האַלבע נאַכט ביז אינדערפרי........................................................יט

**כז.** דאָס איז פאַר מיר מער ניחא ווי אַלע שירות ותשבחות אין הימל........................................................יט

**כח.** מענטש, מאַך אַ פאַרגעניגן פאַר השי"ת, ווייל וועגן דעם ביזטו באַשאַפן געוואָרן........................................................יט

**כט.** דער אויבערשטער קוקט אויף די אידן יעדע רגע און שטעלט אַוועק מלאכים פאַר זיי........................................................כ

**ל.** זיבן טויערן צום גן עדן........................................................כ

**לא.** מאַכט פלאַץ פאַרן חסיד, דיין קומען זאָל זיין מיט פרידן........................................................כא

**לב.** דאָרט זענען פאַראַן די כרובים און דער "להט החרב המתהפכת"........................................................כא

**לג.** אַ זייל וואָס איז אַן אויסמיש פון וואָלקן מיט ליכטיגקייט........................................................כא

**לד.** זי האָט גרויס תענוג פונעם גוטס וואָס מ'איז משפיע אויף איר ........ כב

**לה.** דער דאָזיגער גן-עדן שיינט מיט אַ העכעו'ע ליכטיגקייט ........ כב

**לו.** דער גרויסער שר מיכאל, איז מקריב די דאָזיג'ע נשמה ווי אַ קרבן פאַרן אויבערשטן ........ כב

**לז.** וואויל איז צו דיינע קינדער, די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב ........ כב

**לח.** די נשמה וואס איז זוכה אַריינצוקומען אין זיבעט'ן טויער, "ערבות", ווערט אַ מלאך ........ כג

❖ ❖ ❖

# פרק טו

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט די מעלה פון שלום און די שענדלעכקייט פון מחלוקת

**א. גדול השלום** גרויס איז דער שלום, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט אין מדרש רבה פרשת נשא (פרשה יא, ז) עס איז נישטאָ אויף דער וועלט אַ כלי וואָס זאָל האַלטן אין זיך די ברכה אַזוי ווי שלום, ווייל די ברכה פון די כהנים, יברכך וגו׳ (במדבר ו, כו) ענדיגט זיך אויך מיט׳ן וואָרט "שלום", "וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם". און אויך דער אויבערשטער ברוך הוא מאַכט שלום אין הימל צווישן די מלאכים, וואָס ביי זיי איז נישט פאַראַן קיין יצר הרע, קיין קנאה און שנאה, און פונדעסטוועגן דאַרפן זיי פאָרט אָנקומען צו דעם שלום, איז דאָך אַוודאי געוויס מיר, מענטשן, וואָס דער שטן שפרינגט צווישן אונז אָנצורייצן אַ קריגעריי צווישן איין מענטש און זיין חבר, צווישן אַ יחיד און אַ רבים, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מיר דאַרפן האָבן דעם שלום.

## אַלע קריגערייען קומען צוליב שנאת חנם, און שנאת חנם קומט צוליב געוואוינען דאָס מויל צו שעלטן

**ב. והכל הוא** און די קריגעריי קומט דאָך נאָר צוליב שנאת חנם, וואָס וועגן די זינד פון שנאת חנם האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט אין מסכת יומא (דף ט׳ עמוד ב׳) אַז די זינד פון שנאת חנם איז אַ גרעסערע עבירה ווי דינען עבודה זרה און עריות און רציחה, און די עבירה פון שנאת חנם קומט פון דעם וואָס דער מענטש געוואוינט זיין מויל מיט קללות, און אַז ער האָט אַפילו אַ קליינעם וויכוח מיט זיין חבר, ווערט ער תיכף פול מיט צאָרן און רוגזה און ברענט מיט קללות אַזוי ווי קוילן פייער, און ער ווייסט נישט אַז ער שטעלט אין אַ סכנה זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין הויז געזינד.

## דער וואָס שעלט ווערט אַליין געשעדיגט ח"ו

**ג. כי הוא,** ווייל דער ענין שטייט אין זוהר הקדוש פרשר קדושים (דף פ"ט עמוד א') אַז יעדעס וואָרט פון קללה וואָס גייט אַרויס פונעם מויל פון אַ מענטש, גייט און שוועבט אַרום אין דער לופט פון דער וועלט, ביז עס ווערט צו אים באַהאָלפן אַ רוח רעה רחמנא ליצלן און גייט מיט אים צוזאַמען אין גרויסן תהום, וואָס דאָרטן איז דער וואוין אָרט פון די מזיקים וואָס זיי זענען אָנגעברייט צו פורעניות רחמנא ליצלן, און זיי שטייען, האַפן און וואַרטן אַז עס זאָל קומען די צייט צו דערוועקן דאָס שלעכטע, מזל פון דעם דאָזיגן מענטש וואָס איז צוגעוואוינט צו שעלטן אפילו פאַר אַ קליינע און גרינגע זאַך, און עס ווערן תיכף דערוועקט אויף אים שלעכטע גזירות אַז ער זאָל געשעדיגט ווערן מיט זיין געלט אָדער מיט די ליבנס פון זיין הויז געזינד חס ושלום.

## דער וואָס שעלט, איז זיין נשמה פון דער סטרא אחרא

**ג. וכבר כתבנו,** און מיר האָבן שוין געשריבן אויבן אין זיבעטן פרק, אַז יעדער מענטש וואָס איז געוואוינט אַרויסצוזאָגן קללות פון זיין מויל, האָט ער נישט זיין נשמה פון דעם שורש הקדושה נאָר פון דער סטרא אחרא, פון דעם שלאַנג וואָס איז דער וואָרצל פון דער טומאה חס ושלום, און ער דאַרף זיך זאָרגן איבער די פילע פורעניות וואָס וועלן קומען אויף אים חס ושלום (זע באַריכות דאָרט אין זיבעטן פרק)[א].

---

א) ס'איז וויכטיק צו געדענקען אז שעלטן מיינט אפילו זאַכן וואָס מ'מיינט אַז ס'איז אַ קלייניקייט, צ.ב.ש. ווער צוזעצט, צעפלאַצט, ווער פאַרלוירן, דאָס אַלעס הייסט געשאָלטן, אויסער דעם וואָס די קינדער וועלכע הערן דאָס געוואוינען זיך צו דער שפראַך.

## אַ מויל וואָס בענטשט שטענדיג, איז זיין נשמה פון קדושה וואָרצל, און וועט זוכה זיין צו עולם-הבא

**און** עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס זיין מויל איז אָפּגעהיטן פון שעלטן און ער געוואוינט זיך שטענדיג מיט בענטשן. די נשמה פון דעם דאָזיגן מענטש איז אַוודאי פון דעם שורש הקדושה, און ער קען זיין זיכער אַז ער וועט זוכה זיין צו עולם הבא.

## דער מענטש וואָס זאָגט אָן בשורות טובות פאַר תלמידי-חכמים, קריגט באַלד זיין חלק אין גן-עדן

**ה. וכן אם,** און אַזוי אויך דאָס מויל פון דעם מענטש וואָס איז צוגעוואוינט צו זאָגן שלעכטע בשורות חס ושלום, און זיין גלוסטיגקייט איז אַלץ אַרויסצוציען שלעכטע רייד פון זיין מויל. דאָס איז זייער אַ שלעכטע מדה און זיין תפילה ווערט נישט צוגעהערט, ווייל זי קען נישט צוקומען צו די הייליגע מחיצה, אָבער דער מענטש וואָס איז געוואוינט צו זאָגן גוטע בשורות, ווערט זיין מויל אָנגערופן אַ הייליג מויל, און באַזונדערס דער מענטש וואָס איז זוכה מבשר צו זיין גוטע בשורות פאַר די תלמידי חכמים, טיילט מען פאַר אים באַלד אָפּ אַ גוטן חלק דערפאַר אין גן עדן, און אַ ראיה דערצו איז פון סרח בת אשר, וואָס זי האָט געזאָגט פאַר יעקב אבינו עליו השלום די גוטע בשורה אַז יוסף לעבט נאָך, און דערפאַר האָט זי זוכה געווען אַריינצוגיין אין גן עדן לעבעדיגערהייט.

## דער וואס שעלט קומט די קללה צוריק צו אים אליין און ס'האט נישט קיין רפואה

**ו. אמנם הגדר,** נאָר דער גדר ווי אַזוי ניצול צו ווערן אַז דער מענטש זאָל זיך נישט געוואוינען צו שעלטן, זאָלסטו וויסן אַז עס זענען פאַראַן געוויסע צייטן ווען די קללה ווערט איבערגעקערט צו דעם מענטש וואָס שעלט, און דאָס איז די קללה וואָס דער מענטש האָט זיך אַליין גורם געווען, דורך דעם וואָס ער האָט

געשאָלטן זיין חבר אומזיסט און עס איז אויף אים נגזר געוואָרן די גזירה פון יענע שעלטונג ח״ו, די דאָזיגע שעלטונג האָט שוין נישט קיין רפואה, און דער עיקר איז וואָס ער האָט עס אויף זיך אַליין גורם געווען דורך דעם וואָס ער געוואינט זיך מיט קריגעריי און דורך יעדן קלענסטן וויכוח ווערט שפּעטער אַ גרויסע קריגעריי, אַזוי ווי די חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט (סנהדרין דף ז׳ ע״א) ״האי תיגרא דמיא לבידקא דמיא, כיון דרווח רווח״, די קריגעריי איז גלייך צו אַ טייך וואָס ביי די ברעגן מוז מען פאַרשטאָפּן די רערן אז דער טייך זאָל נישט פאַרשווענקען די פעלדער, דאָס זעלבע איז ביי אַ קריגעריי (ביים אָנהויב קען מען עס אָפּשטעלן, אָבער) נאָכדעם ווי די קריגעריי האָט זיך פאַרברייטערט, ווערט עס מער פאַרברייטערט, פון אַ קליינע מחלוקת ווערט שפּעטער אַ גרויסע מחלוקת.

## אַ מענטש וואָס דערווייטערט זיך פון קריגערייען, וועט נישט קומען צו קיין קללה

**ז. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש זיך דערווייטערן פון קריגעריי, און דעמאָלט וועט ער נישט קומען צו קיין שום קללה, און ער זאָל זען מכבד צו זיין אַלע מענטשן, ספּעציעל זיין חבר וועלכער איז גרעסער פון אים, און אַוודאי געוויס זיין רבי׳ן דאַרף ער מכבד זיין, אַזוי ווי מיר געפינען אין די כתבים וואָס די הייליגע חבריא פון ארץ ישראל האָט געשיקט צו די הייליגע חבריא אין בבל און אין חוץ לארץ, און פאָלגענד איז זייער לשון:

**מיר** זענען אייך מודיע, הייליגע חבריא, אַ גוטן מנהג וואָס איז פאַראַן ביי אונז אין דער הייליגער חבורה פון ארץ ישראל, אַז ביי אונזער חבריא געפינט זיך נישט קיין שום קריגעריי, און אפילו ווען עס פּאַסירט אַמאָל אַ וויכוח פון קריגעריי, זענען ביי אונז פאַראַן הייליגע כיתות פון מענטשן וואָס דערוועקן דאָס האַרץ צו יעדע הייליגע זאַך, און לייגן זיך אַריין דערין אַז די קריגעריי זאָל זיך נישט אויפהאַלטן און

האָבן אַ קיום, און זיי מאַכן באַלד שלום צווישן די צדדים אַז זיי זאָלן צוריק ווערן גוטע פריינט איינער מיט'ן אַנדערן, און איין חבר איז באַלד מוחל דעם אַנדערן חבר.

### דער וואָס איז יונגער בעט איבער דעם עלטערן פון אים

**ח. ומי שהוא,** און דער וואָס איז יונגער אין יאָרן פון זיין חבר, בעט איבער דעם חבר וואָס איז עלטער פון אים, און דער חבר איז אים תיכף מוחל.

### דער וואָס איז פוגם אין כבוד פון זיין רבי'ן, טוט אויס די שיך און זעצט זיך אויף דער ערד

**ט. ומי שהוא,** און דער וואָס איז ח"ו פוגם אין כבוד פון זיין רבי'ן איז ער אויף זיך מקבל נידוי און ער וואַרפט זיך מיט כוח אויף דער ערד, און ער טוט אויס זיינע שיך און ער זיצט אויף דער ערד, און זיין רבי, ווען ער זעט זיין חרטה און זיין געוויין לאָזט ער אים מער נישט זיצן אויף דער ערד, נאָר אַזוי לאַנג וויפיל עס דאַרף דויערן אַז אַן איי זאָל זיך אָפבראָטן, און דערנאָך געט זיין רבי אים רשות און זאָגט צו אים, שטיי אויף פון דער ערד.

**און** נאָך דעם ווי ער שטייט אויף, פאַלט ער צו די פיס פון זיין רבי'ן און ער בעט אים ער זאָל אים מוחל זיין און ער זאָל אים מתיר זיין דעם נידוי. דאַן זאָגט זיין רבי צו אים דריי מאָל די ווערטער "מותר לך", און ער זאָגט אויך "אין כאן נידוי, אין כאן חרם", עס איז נישטאָ דאָ קיין נידוי און קיין חרם, "וְסָר עֲוֺנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר" (ישעיה ו, ז) און דיין זינד איז געוואָרן אָפגעטאָן און דיין עבירה איז פאַרגעבן געוואָרן.

### די גרויסע עניוות וואָס הערשט ביי די הייליגע חבריא אין ארץ ישראל

**י. ואגיד לכם,** און איך וועל אייך דערציילן פון דער גרויסער עניוות וואס איז פאַראַן צווישן אונז: עס האָט מיר

דערציילט דער גרויסער רב רבי מנחם, דער זון פון דעם גאון רב מוהר"ר אברהם גלאנטי זכרונו לברכה, אַז איינמאָל האָט ער געטראָגן פון דעם מאַרק אַ זאַק מעל אויף זיינע אַקסלען, איז פון אונטער אים געקומען הגאון דער גרויסער רב מוהר"ר שלמה שגיג זכרונו לברכה, און ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם זאַק פון זיין אַקסל און ער האָט געשוואוירן ביי זיין לעבן אַז קיין שום מענטש זאָל נישט ברענגען דעם זאַק מעל צו דעם הויז פון רבי מנחם גלאַנטי נאָר ער, ווייל דער פריער דערמאנטער רבי שלמה שגיג איז געווען יונגער פון אים, דעריבער האָט ער געוואָלט טראָגן דעם זאַק.

**האָט** דער רב רבי מנחם אים שטאַרק געבעטן אַז ער זאָל עס נישט טוהן, ווייל דער רב רבי שלמה איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, דעריבער האָט רבי מנחם נישט געוואָלט אַז רבי שלמה זאָל טראָגן דעם זאַק מעל. אָבער רבי שלמה האָט נישט געוואָלט מוותר זיין און האָט אים געברענגט צום הויז פון דעם זקן רבי אברהם גלאַנטי.

**יא. וכן פעם,** און אַזוי אויך איינמאָל איז דער חסיד רבי אברהם גלאנטי געקומען פונעם דאָרף עין זיתים, און אין דעם דאָרף האָט רבי אברהם געקויפט אַ קריגל און האָט אים אָנגעפילט מיט זיסע וואַסער פון דעם ברונעם פון דאָרף עין זיתים, ווייל דאָס וואַסער דאָרט איז זייער גוט.

**גייענדיג** אַזוי אויפ'ן וועג, האָט אים באַגעגענט דער חסיד רבי מסעוד און האָט צו אים געזאָגט, רבי, גיב מיר אַ ביסל וואַסער צו טרינקען, ווייל איך בין דאָרשטיג. האָט רבי אברהם גלאנטי איינגעבויגן זיין קריגל אים אָנצוטרינקען, האָט רבי מסעוד תיכף צוגעכאַפּט דאָס קריגל און געלייגט אויף זיין אייגענע אַקסל, און האָט געשוואוירן אַז ער וועט ברענגען דאָס וואַסער צו דעם הויז פון רבי אברהם גלאנטי, אויך האָט ער געשוואוירן אַז ער זאָל אים נישט צופיל איינבעטן. די חבריא, אַז זיי פלעגן זען רבי אברהם גיין פון דרייסיג

איילן ווייט, זענען זיי שוין אויפגעשטאַנען פאַר אים, און דערנאָך אַז ער האָט נאָענט געטרעטן צו זיי, האָבן זיי אים געקושט זיינע הענט און האָבן אים געזאָגט, הלוואי זאָלן מיר זיין אַן אויסשפּרייטונג אונטער דיינע פיס אין עולם הבא, ווייל דער דאָזיגער רבי אברהם גלאנטי איז געווען אַ גרויסער חסיד און אַן עניו, און האָט אונז שטענדיג געוואָרנט אַז עס זאָל הערשן צווישן אונז פרידן און ליבשאַפט. זיין זכות זאָל ביישטיין פאַר אונז און פאַר אַלע אידן, אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק טז

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט די גרויסע שטראָף פון אַ מענטש וואָס איז עובר אויף אַ חרם און וואָס איז דער גורם דערצו

**א. איתא בספר,** עס שטייט אין ספר סוד הרזים: אַלע עבירות פון דער תורה, אויב דער מענטש האָט אויף די עובר געווען באַהאַלטענערהייט, וועט אַליהו הנביא זיי נישט מגלה זיין, נאָר דער וואָס איז עובר אויף אַ חרם ח"ו, אויף דעם וועט ער יאָ אויסרופן און אַנטפּלעקן, דער דאָזיגער און דער מענטש האָט עובר געווען אויפן חרם, ווי עס שטייט אין פסוק (מלאכי ג, כג) הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וגו', און נאָענט צו דעם שטייט אין פסוק (שם שם, כד) "וְהִכֵּיתִי אֶת הָאָרֶץ חֵרֶם".

## ווער ס'איז עובר אויף אַ חרם, איז גלייך ווי ער איז עובר אויף דער גאַנצער תורה און די נביאים רייד

**דער** ענין דערפון איז, כאָטש אַלעס איז דאָך אַנטפּלעקט פאַרן אויבערשטן ברוך הוא, פונדעסטוועגן ווערט עס נישט באַוואוסט ביז אַליהו הנביא ז"ל קומט און איז מפרסם די זאַך ברבים, ווייל עס זענען דאָ אַ סאַך אידן, און דאַן איז גרויס די פאַרשעמונג פון די שאַנדע, ווייל דער וואָס איז עובר אויף אַ חרם חס ושלום, איז עס גלייך ווי ער וואָלט עובר געווען אויף אַלע חמשה חומשי תורה און אויף די רייד פון די נביאים, וואָס וועגן דעם זענען די אותיות צום סוף פון די חמשה חומשי תורה, ווי אויך פון די נביאים, בגימטריא 248 - ומ"ח, און אַוודאי וועט דער מענטש וואָס איז עובר אויפן חרם נישט גערייניגט ווערן פון שטראָפן און האַרבע יסורים און אַ שלעכטע גזירה ווערט נגזר אויף דעם מענטש וואָס איז עובר אויפן חרם אז עס זאָל אויף אים קומען אַ גרויסער אכזריות'דיגער צאָרן רחמנא ליצלן, און

דאָס הויז וואו מען האָט עובר געווען דעם חרם וועט זיין וויסט און ליידיג אָן איינוואוינערס, רחמנא ליצלן.

**וואָס איז גורם אַז דער מענטש זאָל עובר זיין אויף אַ חרם**

**ב. והעיקר גרם,** און די הויפט זאַך וואָס איז גורם דער מענטש זאָל עובר זיין אויפן חרם, איז דאָס וואָס ער האָט פריער עובר געווען אויף דעם לאו פון "לא תחמוד", געגלוסט דאָס געלט פון זיין חבר אָדער די כלי פון זיין חבר, און איין עבירה שלעפט די אַנדערע עבירה, און זי ברענגט אים דערצו אַז דערנאָך גנב'עט ער אַוועק דאָס געלט אָדער די כלי פון זיין חבר, און איז עובר אויף דעם לאו פון "לא תגנוב", און דערנאָך איז ער אויך עובר אויף דעם חרם.

**די התרים זענען פאַר אים ווי דערנער וואָס ער ווערט געשטרויכלט דורך זיי**

**ג. וימציא לו,** און דערנאָך זוכט ער אויס פאַר זיך פאַרשידענע היתרים ווי אַזוי ער זאָל נישט דאַרפן אומקערן די גזילה אָדער די גניבה וואָס געפינט זיך אין זיין האַנט. די אַלע היתרים זענען פאַר אים ווי דערנער וואָס ער ווערט דורך זיי געשטרויכעלט.

**עס איז פאַראַן אַ צייט ווען חרטה העלפט שוין נישט**

**דעריבער** זאָל דער קלוגער מענטש זעהן נישט גורם צו זיין אויף זיך קיין בייז חס ושלום, ווייל דערנאָך ווען דאָס בייזע וועט ח"ו קומען אויף אים, וועט ער אָנהייבן חרטה צו האָבן, אָבער עס איז פאַראַן אַ צייט ווען די חרטה העלפט שוין נישט פאַר דעם מענטש, דעריבער זאָל ער בעסער זעהן נישט צו ברענגען דאָס בייזע אויף זיך.

**די פיר ווינטן וואָס בלאָזן יעדן טאָג**

**ד. וראה מה,** זעה וואָס עס שטייט אין זוהר (זוהר חדש, דף י"ז ע"א) רבי אבא זאָגט, דער מענטש מוז זייער איבערטראַכט

זיינע מעשים יעדן טאָג און זאָל תשובה טוהן אויף זיי. רבי יצחק האָט געלערנט, פיר ווינטן בלאָזן יעדן טאָג פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט. דער מזרח ווינט בלאָזט על פי רוב פון אינדערפרי ביז האַלבן טאָג, און מיט אים גייט אַרויס דער אוצר פון גלוסטיגקייט וואָס ווערט אָנגערופן "חמדה".

## "מלאכי" זענען די זעלבע אותיות ווי "מיכאל"

**דער דאָזיגער** אוצר געפינט זיך אין הימל ביי די טויערן פון מזרח, און אין אים זענען פאַראַן 3,075 ווינטן, וואָס יעדער ווינט היילט איין קראַנקהייט אויף דער וועלט, און רבן יוחנן בן זכאי האט געזאגט, עס איז דאָ אַ מלאך מיט'ן נאָמען מיכאל, וואָס ער און די מלאכים וואָס זענען אונטער אים, זענען ממונה איבער דעם דאָזיגן ווינט. דער דאָזיגער מלאך מיכאל איז ממונה אויף מזרח-זייט, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ל"ב, ל"ד) "הִנֵּה מַלְאָכִי יֵלֵךְ לְפָנֶיךָ" וגו', "מלאכי" איז די זעלבע אותיות ווי "מיכאל".

## אַלע ברכות וואָס גייען דעמאָלט אַרויס פון מענטשנס מויל, ווערן מקויים און ער וועט זיין פריילעך אַ גאַנצן טאָג

**ה. ותנא,** און מיר האָבן געלערנט, אַז דער מזרח ווינט ווערט דערוועקט אַרויסצוגיין אויף דער וועלט, דער מענטש וואָס גייט דעמאָלט אין וועג זאָל ער זיך מכוון זיין צו דעם ענין וואָס מיר האָבן געזאָגט אַז מיכאל, דער שר פון חסד, ווערט דעמאָלס דערוועקט דורך דעם באַפעל פון אויבערשטן ברוך הוא, און אַלע ברכות וואָס גייען דעמאָלס אַרויס פון דעם מענטשנ'ס מויל ווערן מקויים, און ער וועט זיין פריילעך יענעם גאַנצן טאָג.

## דער מערב ווינט בלאָזט על פי רוב פון האַלבן טאָג ביז נאַכט

**דער** מערב ווינט בלאָזט על פי רוב פון האַלבן טאָג ביז נאַכט, און

מיט אים גייט אַרויס אַן אוצר מיט 465 ווינטן צו מאַכן בליען גראָז און ביימער און פרוכט, און מיר האָבן געלערנט, דער מלאך וואָס הייסט מיט'ן נאָמען רפאל איז ממונה איבער מערב זייט. האָט רבי יוסף בן פזי געפרעגט, מיר האָבן דאָך געלערנט אַז דער מלאך רפאל איז ממ'נה איבער די רפואות, און דו זאָגסט אַז דער מלאך מיכאל איז ממ'נה איבער די רפואות, ווי פריער דערמאַנט.

## דעריבער פאַרבייט השי"ת די מלאכים, כדי מענטשן זאָלן נישט זאָגן, אַז אַ מלאך האָט פאַר אים געטאָן די רפואה - נאָר השי"ת אַליין

ו. **תא שמע,** אויף דעם האָט רבי יוחנן בן זכאי געענטפערט אַ תירוץ, אַז אַלע מעשים פון דעם אויבערשטן ברוך הוא זענען צוליב די מענטשן, אַז זיי זאָלן מורא האָבן פון אים. און דער אויבערשטער ברוך הוא, וואָס ער שלאָגט און היילט און טייט און מאַכט לעבעדיג כדי די אידן זאָלן נישט ווענדן זייער האַרץ נישט צו קיין שום מלאך און נישט צו קיין שום שר, וועגן דעם פאַרבייט דער אויבערשטער ברוך הוא די צייטן, אַז אין איין צייט באַשטימט ער דעם מלאך מיכאל ער זאָל זיין דער ממונה איבער די רפואות, און זיין אַנדערע צייטן מאַכט ער דעם מלאך רפאל אַלס ממונה איבער די רפואות, כדי די מענטשן זאָלן נישט זאָגן "דער מלאך האָט פאַר מיר געטוהן די רפואה", נאָר דער אויבערשטער ווייזט אַז אַלע רפואות זענען אין זיינע הענט, און וועגן דעם פאַרבייט ער די מלאכים ביז דער מענטש וועט בעטן פון דעם אויבערשטן אַליין, און ער וועט באַנות תשובה טוהן.

## דער מלאך וואָס איז באַשטימט אויף דעם, הייסט אוריאל

ז. **רוח דרומית,** דער ווינט פון דרום-זייט בלאָזט פון אָנהויב נאַכט ביז האַלבע נאַכט, און מיט אים גייען אַרויס פון דעם אוצר החמה (אַן אַנדערער נוסח איז "החמדה") 275 ווינטן, כ"י

פעט צו מאַכן די ערד, און צו ברענגען היץ אויף דער וועלט כדי די קעלט זאָל זיך נישט שטאַרקן, און דער מלאך וואָס איז ממונה אויף הייסט אוריאל, און ער איז ממונה אויף דעם דרום ווינט.

## אַלע מענטשן שלאָפן דעמאָלט און קיינער איז נישט מתפלל פאַר זיי

**דער** דאָזיגער ווינט איז זייער שווער פאַר די קראַנקע מענטשן, און מיר האָבן געלערנט, די צייט איז דער עיקר דין ווען מען משפט די רשעים אין פייער פון גיהנום, אַלע מענטשן פון דער וועלט שלאָפן דעמאָלט און ממילא בעט דאָן קיינער נישט פאַר זיי.

## דער ווינט איז שלעכט צו אַלעם, אָבער פאַר די קראַנקע איז ער גוט

**רוח צפון,** דער צפון-ווינט בלאָזט פון האַלבע נאַכט ביז אינדערפרי, און מיר האָבן געלערנט, 300 טויזנט שטורעם ווינטן קומען מיט דעם צפון-ווינט און דער ווינט איז שלעכט צו אַלע זאַכן, אָבער צו די קראַנקע איז ער גוט, ווייל אין די ווינטן איז פאַראַן קילט, און צוליב די היץ וואָס די קראַנקע האָבן מאַכט זיי דער צפון ווינט אַ פאַרגעניגן.

## די צייט ווען דער אויבערשטער פרייט זיך מיט די צדיקים אין גן עדן

**און** מיר האָבן געלערנט, רבן שמעון בר יוחאי זאָגט: אין דער צייט גייט דער אויבערשטער ברוך הוא אַרויס פון די פילצאָליגע וועלטן כדי צו פרייען זיך מיט די צדיקים פון גן עדן, און אַ קול רופט אויס (שיר השירים ד, טז): "עוּרִי צָפוֹן וּבוֹאִי תֵימָן", דערוועק זיך, צפון-ווינט, און קום, דרום-ווינט, צו בלאָזן די בשמים פון גן עדן, ווייל מיר האָבן געלערנט, אין דער צייט ווען דער צפון-ווינט בלאָזט האַלבער נאַכט און דער אויבערשטער ברוך הוא גייט אַריין אין גן עדן, דעמאָלטס' גיבן אַלע בשמים און אַלע ביימער אַ גוטן ריח, און זיי

זינגען פאַר אים, און אַלע מלאכים, הימלען, חיות הקודש און די אופנים ציטערן און עפענען זייער מויל מיט געזאַנג און לויב צו דעם אויבערשטן ברוך הוא, וואָס ער האָט באַשאַפן די וועלט, ביז דער אויבערשטער קומט אַריין מיט די צדיקים אין גן עדן, וואָס דאָס איז האַלבע נאַכט.

## דער מענטש וואָס האָט שכל, זאָל אויפשטיין פון בעט און עוסק זיין אין תורה פון האַלבע נאַכט ביז אינדערפרי

**ט. אמר רב יהודה,** רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב'ס וועגן, אַז איד וואָס האָט אין זיך אַ הייליגע נשמה, וויבאַלד ער הערט דעם האָן קרייען האַלבער נאַכט, וואָס דעמאָלס גייט אַרויס אַ ווינט פון פייער פון צווישן די חיות און עס גייט אַרום איבער די גאַנצע וועלט און עס דערגרייכט אונטער די פליגל פונעם האָן, און אין יענע שעה קלאפט דער האָן איין פליגל אויפן אַנדערן, זאָגנדיג, אָט איז האַלבע נאַכט, און דער וואָס האָט אַ גרויזן פאַרשטאַנד זאָל זיך דערוועקן פון זיין שלאָף און זאָל דאַן עוסק זיין אין תורה, דאַן גייט זיין קול אַרויף און ווערט געהערט אין גן עדן.

## דאָס איז פאַר מיר מער ניחא ווי אַלע שירות ותשבחות אין הימל

**דער** אויבערשטער פאַרנעמט דאָס קול, און די צדיקים וואָס זענען מיט אים, פרעגן, ווער איז דער מענטש? און דער אויבערשטער ברוך הוא ענטפערט זיי: דאָס איז דער און דער מענטש וואָס ער איז מיט זיינע הייליגע נשמה זענען עוסק בתורה. הערט אַלע זיין קול, ווייל דאָס איז פאַר מיר מער ניחא פון אַלע שירות ותשבחות וואָס מען זאָגט פאַר מיר אויבן אויפ'ן הימל.

## מענטש, מאַך אַ פאַרגעניגן פאַר השי״ת, ווייל וועגן דעם ביזטו באַשאַפן געוואָרן

**י. בן אדם,** דו מענטש, דו מענטש, זעה און און טראַכט אַרין און זיי קלוג ווי ווייט מעגלעך זיך צו שטאַרקן אין תורה און אין מעשים טובים כדי צו מאַכן אַ פאַרגעניגן פאַר דעם אויבערשטן, ווייל פאַר דעם דאָזיגן צוועק ביזטו באַשאַפן געוואָרן.

## דער אויבערשטער קוקט אויף די אידן יעדע רגע און שטעלט אַוועק מלאכים פאַר זיי

**און** געדענק אַז מיר אידן זענען דעם אויבערשטן׳ס פאָלק, ווז׳ס ער האָט אונז דערנענטערט צו זיך, און אין יעדע צייט און יעדן רגע קוקט ער זיך אום אויף אונז, און ער געדענקט די מעשים פון די מענטשן סיי אויב זיי טוען שלעכטס ח״ו און סיי ווען זיי טוען גוטס, און אַנטקעגן דעם האָט דער אויבערשטער אַוועקגעשטעלט אַז אַלע מלאכים וואָס טוען גוטס מיט׳ן מענטש און מלאכים וואָס טוען ח״ו שלעכטס מיט אים.

**די** מלאכים וואָס טוען גוטס מיט׳ן מענטש זענען הייליגע מלאכים, וואָס נעמען די נשמה פון דעם מענטשן מיט ליבשאַפט און שמחה, און ווייזן אים די טויערן פון גן עדן, און די וואָס טוען מיט אים שלעכטס, זענען די מזיקים, די אכזריות׳דיגע משחיתים וואָס כאַפן די נשמה מיט שווערע און ביטערע יסורים, אַזוי ווי עס שטייט אין מדרש הנעלם פרשת נח (זוהר חדש, דף כ״ז ע״א).

## זיבן טויערן צום גן עדן

**יא. אמר ר׳ יהודה,** רבי יהודה האָט געזאָגט, זיבן כיתות מלאכים זענען ביי דעם טויער וואָס ווערט אָנגערופן ״שערי צדק״, וואָס אויף זיי זאָגט דוד המלך עליו השלום (תהלים קיח, יט-כ) ״פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק אָבֹא בָם אוֹדֶה יָהּ, זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים

יָבֹאוּ בוֹ", און זיבן טויערן דאַרפן די צדיקים אַדורכגיין ביז זיי קומען אָן צו זייער אָרט.

## מאַכט פּלאַץ פאַרן חסיד, דיין קומען זאָל זיין מיט פרידן

**דורך** די ערשטע טיר גייט די נשמה אַריין אין דער מערת המכפלה, וואָס זי איז נאָענט צום גן עדן, און אדם הראשון היט דאָרט אויף די נשמה. אויב די נשמה איז זוכה, רופט אדם הראשון אויס ווי פאָלגענד: מאַכט פּלאַץ פאַר דעם חסיד, דיין קומען זאָל זיין מיט פרידן.

## דאָרט זענען פאַראַן די כרובים און דער "להט החרב המתהפכת"

**יב. ויוצאת מפתח** און די נשמה גייט אַרויס פון דער ערשטער טיר און קומט אַריין אין דער צווייטער טיר פון גן עדן. דאָרט זענען פאַראַן די כרובים און דער "להט החרב המתהפכת", און אויב די נשמה איז נישט זוכה, באַקומט זי דאָרט איר שטראָף צו ווערן אויסגעלייטערט און אַראָפּצונעמען פון איר אַלע פלעקן דורך די יסורים וואָס זי ליידט פון דעם להט החרב המתהפכת.

**אויב** די נשמה איז זוכה פון דאָרט אויך אַרויסצוגיין בשלום, גיט מען איר אַ צעטל אַלס אַ סימן אַריינצוגיין אין גן עדן.

## אַ זייל וואָס איז אַן אויסמיש פון וואָלקן מיט ליכטיגקייט

**און** ווען זי קומט אַריין אין גן עדן, איז דאָרטן פאַראַן אַ זייל וואָס איז אַן אויסמיש פון וואָלקן און ליכטיגקייט, אויסגעמישט איינס מיט'ן אַנדערן. אַרום דעם דאָזיגן זייל איז דאָ אַ רויך, און אַ זייל איז אַריינגעשטעקט פון אונטן ביז אַרויף צו דעם טויער פון ירושלים, וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט.

## זי האָט גרויס תענוג פונעם גוטס וואָס מ׳איז משפיע אויף איר

**און** אויב די נשמה איז זוכה אַז איר אָרט זאָל דאָ זיין צו באַקומען איר שכר, און נישט אַרויפצוגיין מער, פאַרבלייבט זי דאָרט און זי האָט גרויס תענוג פון דעם גוטס וואָס מען איז אויף איר משפיע פון אויבן.

## דער דאָזיגער גן-עדן שיינט מיט אַ העכערע ליכטיגקייט

**דער** דאָזיגער גן עדן שיינט מיט אַ העכערע ליכטיגקייט, אַזוי ווי רבי יוסי האָט געזאָגט, איך האָב געזען אַ גן עדן וואָס איז פונקט אַנטקעגן איבער דעם פּרוכת, און דאָרט איז דער "טל אורות", די נשמה האָט דאָרט הנאה פון דער שיינקייט פון דער שכינה, אָבער זי ווערט נישט געשפּייזט פון איר.

## דער גרויסער שר מיכאל, איז מקריב די דאָזיקע נשמה ווי אַ קרבן פאַרן אויבערשטן

**יג. זכתה לעלות,** אָבער אויב די נשמה איז זוכה ווייטער אַרויפצוגיין, גייט זי אַרויף מיט דעם זיל און קומט אָן צו די דריטע טיר, וואָס די טיר ווערט אָנגערופן "זבול", און עס זענען דאָרט פאַראַן אַ סאַך היטערס וואָס עפענען פאַר איר די טיר און זי גייט אַריין אין יענע טיר, און זי לויבט דעם אויבערשטן ברוך הוא אין בית המקדש של מעלה. מיכאל דער גרויסער שר, וואָס ער איז אַ כהן פאַר דעם אויבערשטן, איז מקריב די דאָזיגע נשמה אַלס אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטן.

## וואויל איז צו דיינע קינדער, די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב

**רבי** חייא האָט געזאָגט, דער דאָזיגער קרבן איז נישט ווי אַלע אַנדערע קרבנות, נאָר אַזוי ווי אַ מענטש וואָס ברענגט אַ מתנה פאַר דעם

אויבערשטן ברוך הוא, און מיכאל ברענגט אַרויף די נשמה ביז צו די פערטע און די פינפטע און זעקסטע טיר פון דעם גן עדן, און זאָגט פאַר אים, רבונו של עולם, וואויל איז צו דיינע קינדער, דיינע באַליבטע קינדער, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, און וואויל איז די נשמה וואָס איז זוכה דערצו.

## די נשמה וואס איז זוכה אַריינצוקומען אין זיבעטן טויער, "ערבות", ווערט אַ מלאך

**יד. ואחר כך**, און דערנאָך ברענגט מען די נשמה צו דעם זיבעטן טויער וואָס ווערט אָנגערופן "ערבות", וואָס דאָרט זענען די אוצרות פון לעבן. יעדע נשמה וואָס איז זוכה אַריינצוקומען דורך דעם זיבעטן טויער, ווערט זי תיכף אַ מלאך, אָבער דער מענטש וואָס איז עובר אויף אַ חרם ח"ו, איז זיין נשמה נישט זוכה אַפילו אַריינצוקומען אין דריטן טויער, אַפילו נאָך אַלע יסורים און דינים, ווייל די חז"ל האָבן געזאָגט אַז דער מענטש וואָס איז אין חרם אונטן אפילו איין טאָג, איז ער אין חרם ביי דעם בית דין של מעלה 30 טעג.

❖